**When that happens, the aspect of perseverance for victory—derived from "the Eternal Victorious Hashem of the Jewish People, who never changes"—is awakened** [to defeat the thing fighting against Hashem]**. As we see this clearly in regards to a physical king** [that when someone fights against him, he is awakened to battle for victory], **and why is this true regarding a physical king? Because Hashem wanted that kingdoms on earth should reflect how the "Heavenly Kingdom" operates, and since Above something that fights against Him, awakens, as**

**it were, His desire for victory, this becomes how it is regarding a physical king, that his desire for victory is awakened specifically when there is something fighting against him. This desire for victory changes the whole nature of the king, and reveals in him his deepest soul powers.**

ווערט בַּיי עם אַרויסגערופְן דער מִדַּת הַנִּצָּחוֹן, דַוְקָא ווען עס איז דָא אַ לוֹחֵם כְּנֶגְדוֹ אַ מְנַגֵּד כְּנֶגְדוֹ. און דער מִדַּת הַנִּצָּחוֹן איז אים אינגאַנצן מְשַׁנֶּה און מְגַלֶּה די כּוֹחוֹת הֲכִי נֶעֱלָמִים אין דעם מֶלֶךְ.

[This desire for victory effects the king so much,] **until, as is explained at length in the analogy, that the royal treasuries, that he himself collected, and that were collected for him** [from previous generations], **and that are so valuable, that, not only they are not spent on other things, and are not used at all, but in fact, no one is even allowed to look at them, and they are never displayed, since they are such hidden** [treasures], **however, when the desire for victory is awakened because of an enemy fighting his kingship, then, not only he reveals these treasures, and not only he takes out the treasures, but he also spends them without calculations, to pay for the soldiers in the army and their generals, in order that they should go to battle, and be victorious in battle, until the complete victory which upholds his kingship.**

בִּיז וואַנעט – ווי ער איז מְבָאֵר בַּאֲרִכָּה אין דעם מָשָׁל – אַז עס איז דָא די אוֹצְרוֹת הַמֶּלֶךְ, וואָס "צָבַר" וואָס ער אַליין האָט צוזאַמענגעקליבן, און מען האָט צוזאַמענגעקליבן פאַר אים, און זיי זיינען אויף אַזוי פיל טייער, אַז נִיט נאָר ער איז דאָס נִיט מְבַזְבֵּז, נִיט נאָר ער נוּצט דאָס בִּכְלָל נִיט, בִּיז אֲפִלּוּ אַז לֹא שְׁזָפַתּוּ עַיִן רוֹאָה, מען באַווייזט דאָס גאָרנִיט, דאָס איז דאָך סְתִימָא דְּכָל סְתִימִין, איז בְּשָׁעַת עס ווערט נִתְעוֹרֵר מִדַּת הַנִּצָּחוֹן מִצַּד אַ עִנְיָן הַמְנַגֵּד, אָט דעמאָלט, איז נִיט נאָר ער איז מְגַלֶּה די אוֹצְרוֹת, נִיט נאָר ער נעמט אַרויס די אוֹצְרוֹת, נאָר ער איז מְבַזְבֵּז די אוֹצְרוֹת צו די אַנְשֵׁי חַיִל און די מְפַקְּדִים שֶׁלָּהֶם, כְּדֵי זיי זאָלן גיין בְּמִלְחָמָה, און זיי זאָלן דוּרְכפירן די מִלְחָמָה, בִּיז דעם נִצָּחוֹן וואָס דאָס ווערט נִצְחוֹן הַמֶּלֶךְ.

**So too, Hashem, who is Infinite, has "treasures," as he brings in the maamar the concepts needed to understand** [what] **this** ["treasure" is]. **Which, in general, this "treasure" is the idea of the fear of Hashem, as this is further explained and brought out in all of its details** [in the maamar], **starting with the idea of how the fear of Hashem is** [connected to] **the Sefira of Malchus of Atzilus, and to even higher levels, and this** [power to attain the fear of Hashem] **is the true "treasure."**

אָט אַזוי איז אויךְ דָא די אוֹצְרוֹת פוּן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא – ווי ער בְּרענְגט אַראָפּ אין דער מַאֲמָר, די עִנְיָנִים וואו עס ווערט גערעדט אין דערויף דער בֵּאוּר הָעִנְיָן – וואָס כְּלָלוּת איז דאָס דער עִנְיָן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם ווי דאָס ווערט דערנאָך איבער גְעטַייטשט און אַראָפּגעבּראַכט בְּכָל הָעִנְיָנִים, אָנהויבענדיג ווי יִרְאָה סְפִירַת הַמַּלְכוּת לְמַעְלָה און נאָך העכער, אָט דאָס איז דער אוֹצָר הָאֲמִתִּי –

**In connection with this, he quotes what it says in the Tikunei Zohar: "Hashem's Infinite Light reaches upward infinitely, and downward**

ברענגט ער אויף דערויף אַראָפּ, וואָס ער זאָגט אין תִּקּוּנֵי זֹהַר, אַז אוֹר אֵין

**without any limit," and it is this** [Infinite Light] **which is the true "treasure,"** [which is accessible to those who possess the fear of Hashem, the "key" to this "treasure" chest of Infinite Light, and the power to have fear of Hashem is also given over from Hashem to us]. **And, as he explains further in the following chapters** [of the maamar], **it is this** ["treasure"] **that is given over to all the soldiers of the army, to "Tzivos Hashem-the Army of Hashem," which is each and every Jew, which are called by the name "Tzivos Hashem-the Army of Hashem," as we mentioned in the previous Parshios, and subsequently in this week's Parsha, that just as the Jewish People left** [Mitzrayim-Egypt] **with a victorious march, and the Jewish People went out as an army, as "Tzivos Hashem-the Army of Hashem," so too, they will all leave the darkness of Galus** [Exile] **with the Geula** [liberation from Galus], **and Hashem will be victorious, so that His Light will shine openly until the lowest possible level!**

סוֹף אִיז "לְמַעְלָה מַעְלָה עַד אֵין קֵץ, וּלְמַטָּה מַטָּה עַד אֵין תַּכְלִית", וואָס דאָס אִיז דער אוֹצָר הָאֲמִתִּי, און דאָס ווערט דערנאָך געגעבן – וְוִי ער אִיז דערנאָך מְבָאֵר אִין דעם הֶמְשֵׁךְ הַסְּעִיפִים – ווערט דאָס דערנאָך געגעבן לְכָל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה, צוּ צִבְאוֹת הַשֵּׁם – וואָס דאָס אִיז יעדער אִיד און אַלע אִידְן, וואָס זֵיי ווערן דאָך אָנגערופן בְּשֵׁם צִבְאוֹת הַשֵּׁם, וְוִי מען דערמאָנט אִין דִי פָּרָשִׁיּוֹת שֶׁלִּפְנֵי זֶה, און דערנאָך אוֹיךְ אִין פָּרָשָׁה פוּן שָׁבוּעַ זֶה, אַז בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יֹצְאִים בְּיָד רָמָה, וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל עַל צִבְאֹתָם, עַל צִבְאוֹת הַשֵּׁם, דאָן גייען זֵיי אַרוֹיס בַּגְּאֻלָּה פוּן דעם חֹשֶׁךְ הַגָּלוּת, און עס ווערט דער נִצָּחוֹן פוּן אוֹר אֵין סוֹף בִּיז לְמַטָּה מַטָּה עַד אֵין תַּכְלִית.

## ג

**And this is what he explains in the 13th chapter, which corresponds to this year, which is the 13th year of the second cycle** [of 20-years], [he explains] **the concept that Hashem's Light extends downward without limit, that just as there are infinite levels of how the Light reaches upwards** [to its Source], **so too, there is no limit to how far downward the Light can extend** [even into creating unholiness]**...**

און דאָס אִיז ער מְבָאֵר אִין פֶּרֶק י"ג – וואָס דאָך אִיז דאָך מַתְאִים לְשָׁנָה זוֹ אִין דעם צווייטן מאָל י"ג - דער עִנְיָן וְוִי אַזוֹי דאָס אִיז לְמַטָּה מַטָּה עַד אֵין תַּכְלִית, אַז אִין לְמַטָּה מַטָּה אִיז אוֹיךְ דָא אֵין תַּכְלִית, פּוּנְקט אַזוֹי וְוִי לְמַעְלָה מַעְלָה עַד אֵין קֵץ...

*As we mentioned in the introduction to the maamar, the purpose of the creation of unholiness is to "set the stage" for us to get into "battle mode" to fight for Hashem's revelation. This brings out the deepest powers of our souls in the service of Hashem, and correspondingly, the deepest possible revelation of Hashem. This ultimate revelation of Hashem accomplished through our battle with unholiness is the that "Ikar Shechina" should be revealed in this world, on a much deeper level and more "tangible" to us, as it were, then it ever was before. This will be completed with the coming of Moshiach, very soon!*

## בַּעַל שֵׁם טוֹב | BAAL SHEM TOV

***Context:** A major theme of the Basi L'Gani Ma'amorim (discourses) is the transformation of the unholy of this world to holiness. In this year's discourse (Basi L'Gani 5743), there is unique emphasis on how we go about elevating those areas of evil which we are forbidden from engaging in altogether.*

...As the Baal Shem Tov's teaching on the verse "refrain from evil and do good", which he interprets as follows: The beginning of the process is merely to refrain from evil, but ultimately the ideal is to transform the evil itself into good[1].

(Basi L'Gani—5743)

...אוּן וִוי תּוֹרַת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, וואָס טַיְטשְׁט דאָך אָפּ אוֹיף "סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב", אַז עֶס זָאל זַיין דֶער עִנְיַן פוּן סוּר מֵרָע, דָאס אִיז אָבֶּער דִי הַתְחָלָה, דֶערנאָך דאַרף זַיין דִי שְׁלֵמוּת הָעֲבוֹדָה "וַעֲשֵׂה", מֶען זָאל מאַכְן פוּן דעֶם רַע זאָל מֶען מאַכְן טוֹב...

(באתי לגני - תשמ"ג)

## הָרַב הַמַּגִּיד | MAGGID OF MEZRITCH

***Context**: The Ein-Sof (infinite) light of Hashem is the treasure which is given to the infantry in the Army of Hashem to win the battle of light over darkness. But how can these souls effect the change necessary if they too are of this world (נשמות דבי"ע)? The answer is that the Neshama of the Jew is more central to the Master Plan, and what happens to them has a ripple effect on the outer circles of existence. This is illustrated with the following example:*

... We can now understand the teachings of the Maggid, [quoted in Rimzei Torah, in the beginning of Torah Ohr] where he brings various commentaries on the verses of Tehillim.

...אוּן דעֶרמִיט וועֶט מֶען אוֹיךְ פאַרשְׁטֵיין דעֶם תּוֹרַת הַמַּגִּיד, וָואס עֶר זָאגְט אִין רִמְזֵי תּוֹרָה אִין אוֹר תּוֹרָה בִּתְחִילָּתוֹ[א] וואוּ עֶר בְּרעֶנְגְט דִי פֵּירוּשִׁים פוּן פְּסוּקִים פוּן תְּהִילִּים,

The verse states "When the morning stars sing together, all the angels of God shout". Our Sages interpret this as follows: "the angels don't begin to sing G-d's praises until the Jewish People (alluded to here as stars) initiate their songs of praise first." The Maggid explains the reason for this process. The Jewish People "arose in G-d's thought process" even before creation. Just as one doesn't speak before thinking—for were one

אִיז עֶר דאָרְט מְבָאֵר דעֶם מַאֲמָר רז"ל[ב], אַז "אֵין הַמַּלְאָכִים אוֹמְרִים שִׁירָה" בִּיז וואַנעֶט אַז "יִשְׂרָאֵל מַתְחִילִין לוֹמַר שִׁירָה", שֶׁנֶּאֱמַר[ג] בְּרָן יַחַד כּוֹכְבֵי בוֹקֶר, אוּן דעֶרנָאךְ עֶרְשְׁט וַיָּרִיעוּ בְּנֵי הָאֱלֹקִים. אוּן עֶר אִיז דאָס מַסְבִּיר, אַז יִשְׂרָאֵל אִיז עָלוּ בְּמַחְשָׁבָה[ד], וּבְדוּגְמָא וִוי מֶען זעֶט, אַז וִוי אַזוֹי קאָן מֶען זאָגְן אַ דִיבּוּר, אִיז דאָס ווֶען עֶר האָט דאָס פְּרִיעֶר געֶטְרַאַכְט ווֶעגְן דעֶם עִנְיָן, אוּן דעֶר מַחְשָׁבָה אִיז מַמְשִׁיךְ חַיּוּת אִין דעֶם דִיבּוּר, ווֶען עֶר

**1.** Typically the verse is understood to refer to two different processes. "Refrain from evil" refers to abstaining from transgressing the prohibited commandments, while "do good" refers to observing the action-based commandments. The novelty of this interpretation is in reframing this phrase as one continuum whereby the negative itself becomes the object of one's good deeds.

ווֶעט רעֶדְן אַ דִיבּוּר אָן אַ מַחְשָׁבָה שֶׁקּוֹדֶם לוֹ, וועֶט עֶס זַיין אָן אַ שֵׂכֶל און אָן אַ חָכְמָה און אָן תַּעֲנוּג. און דַוְקָא עַל יְדֵי הַמַּחֲשָׁבָה אִיז אָט דעֶמאָלְט אִיז דעֶר דִיבּוּר וִוי דעֶר דִיבּוּר דַארף זַיין.

to speak with no forethought it would be void of any wisdom and lack any sense and delight; only a premeditated speech is of value—so too is it with creation.

און אַזוֹי וִוי דִי מַלְאָכִים ווערְן דאָךְ פוּן בִּדְבַר הַוָיָ', אִיז אָט דאָס אִיז וָואס מעֶן זאָגְט אָז וִוי אַזוֹי קאָן זַיין דִי שִׁירַת הַמַּלְאָכִים, דוּרְךְ דעֶרוֹיף וָואס עֶס אִיז פְרִיעֶר דָא דִי יִשְׂרָאֵל, וָואס זֵיי זַיינֶען עָלוּ בְּמַחְשָׁבָה, און נאָכְדעֶרוֹיף וִוי עֶס אִיז דָא מַחְשָׁבָה קאָן דעֶרְנאָך זַיין אַ דִיבּוּר, און דעֶר דִיבּוּר זָאל זַיין מִיט אַ שֵׂכֶל און מִיט אַ חָכְמָה און מִיט אַ תַּעֲנוּג.

Creation (including angels) came about through G-d's "speech[2]". Whereas the birthing of the Jewish People's existence was through G-d's thought, which preceded speech. Thus, only after the Jews sing G-d's praises can the angels sing theirs, for thought is the prerequisite for meaningful speech.

און עֶר אִיז דאָרְט מְסַיֵּים, אַז אָט דאָס אִיז וָואס מעֶן זאָגְט שִׁיר הַשִּׁירִים, אַז פוּן דֶעם שִׁיר פוּן יִשְׂרָאֵל, אִיז דוּרְךְ דעֶרוֹיף ווערְט כַּמָּה שִׁירִים, דִי שִׁירִים פוּן מַלְאָכִים, און עוֹלָמוֹת, בִּיז אוֹיךְ אִין עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים. וואָס דאָס אִיז דאָךְ דאָס וואָס עֶר זאָגְט אִין הֶמְשֵׁךְ, אַז נְשָׁמוֹת זַיינֶען פְּנִימִיּוֹת, וואָס דוּרְךְ דִי פְּנִימִיּוֹת ווערְט דעֶרְנאָך אוֹיפְגעֶטָאן דִי עִנְיָנִים בְּחִיצוֹנִיּוֹת, און בְּחִיצוֹנִיּוֹת דְחִיצוֹנִיּוֹת וואָס דאָס אִיז עוֹלָמוֹת..

The Maggid concludes: This is the meaning of "Shir HaShirim", The Song of Songs. The Jews (singular) Song produces multiple Songs (by the angels). This pattern is true in even in the highest realms. For the Jewish souls are of the innermost purpose of creation and have a ripple effect at every level of worldly existence, from the inside outward…

(באתי לגני – תשכ"ג)

(Basi L'Gani 5723)

## אדמו"ר הַזָּקֵן | ALTER REBBE

***Context:** The theme of Chapter 13 (of Basi L'Gani 5710) is how Hashem's Ein Sof (infinite) light extends (not only upwards i.e. within the highest realms of G-dliness in a concealed manner) but also downwards to the lowest possible arenas. In this Ma'amar (Basi L'Gani, 5743) the Rebbe innovates that the way we introduce the light to the darkest places i.e. the lowest level, is by studying about these phenomena in Torah.*

אָט דאָס אִיז דאָךְ אוֹיךְ - וִוי דעֶר אַלְטֶער רַבִּי בּרעֶנְגְט אַראָפּ אִין סֵפֶר תַּנְיָא קַדִּישָׁא - אַז עֶס דאַרְף זַיין אַ דִירָה לוֹ יִתְ' בַּתַּחְתּוֹנִים, שֶׁאֵין תַּחְתּוֹן לְמַטָּה הֵימֶנּוּ, וואָס דעֶרְפוּן אִיז דאָךְ אוֹיךְ פאַרשְׁטאַנְדִיג, אַז אִין דעֶם מַטָּה מַטָּה דאַרְף

… The Alter Rebbe, in Tanya, quotes (the Midrash which teaches) that our mission is to "create a home for G-d in the lowly realm". This, he explains, means in the lowest possible realm, below which there is none. From this we understand that

**2.** We find throughout the narrative of creation that G-d "spoke" existence into being. "And G-d said, let there be X and there was X". Obviously this is a metaphor, for just as speech is a medium for expression of what is within one's mind outwardly, so too G-d so to speak projected a worldly existence to have an appearance of independence from Him. See more in Tanya, Shaar Hayichud VehaEmunah, chapters 1 and 11.

we need to (somehow) create an environment in which G-d feels "at home" even in the utmost lowly of places, by transforming it to goodness. The difficulty with this, however, is that we pray (daily) that Hashem not test our faith (by exposing us to things unwholesome and contrary to Torah, so how can we deliberately engage with the unholy in order to transform it)?

מֶען אוֹיךְ אוֹיפְטָאן דעֶר עִנְיַן הַדִּירָה, אִין אֵין תַּחְתּוֹן לְמַטָּה הֵימֶנּוּ, בִּיז אִין דעֶר "מַטָּה מַטָּה עַד אֵין תַּכְלִית", אִיז אָט דאָרְטְן אִיז עֶר מְהַפֵּךְ אוּן מאַכְט דעֶרְפוּן טוֹב, אַעַ"פִּ וואָס עֶר אִיז מִתְפַּלֵּל אַל תְּבוֹאֵנוּ לִידֵי נִסָּיוֹן,

The solution is—as the Alter Rebbe explains—that unlike in the first exile (in Egypt) the Jews did slave labor with physical mortar and bricks and other backbreaking work, in subsequent exiles the servitude takes the form of toiling in Torah. "Chomer" (literally mortar) refers to the method of Biblical exegesis known as "(Kal) V'Chomer" (*a fortiori*), and "Levainim" (literally bricks) refers to the "Livun" (literally, whitening, but meaning purifying and qualifying of Halacha (i.e. a process of refinement of unclear subject matter in order to arrive at clarity). Through one's tremendous toil in Torah through these processes one accomplishes even more than what was accomplished through the slave labor in Egypt, spiritually.

אִיז דאָךְ אָבּעֶר דעֶר וועֶג אִין דעֶרוֹיף – וִוי דעֶר אַלְטֶער רַבִּי אִיז מְבַאֵר – אַז תְּמוּרַת זֶה וִוי עֶס אִיז געֶוועֶן בַּיי גָּלוּת הָרִאשׁוֹן פוּן גָּלוּת מִצְרַיִם, אִיז געֶוועֶן דעֶר "בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים וּבְכָל עֲבֹדָתָם אֲשֶׁר עָבְדוּ בָהֶם בְּפָרֶךְ", אִיז דאָס געֶוועֶן כִּפְשׁוּטוֹ, אִיז לְאַחֲרֵי זֶה אִין דִי גָלוּיוֹת שֶׁלְאַחַ"זֶ, אִיז דאָס – וִוי עֶר אִיז מְבַאֵר אִין זֹהַר – אַז בְּחֹמֶר דָא קַל וָחוֹמֶר וּבִלְבֵנִים דָא לִבּוּן הִלְכְתָא, אַז דוּרְךְ דעֶרוֹיף וואָס עֶר אִיז זִיךְ מִתְיַגֵּעַ בִּיז אִין אַן אֹפֶן פוּן בְּפֶרֶךְ, אִין אַן אֹפֶן פוּן יְגִיעָה אֲמִתִּית עַל פִּי תּוֹרַת אֱמֶת, עִנְיָנִים פאַרְבּוּנְדְן פוּן קַל וָחוֹמֶר, אִיז דאָס פאַרְבַּייט אוּן טוּט נאָךְ אוֹיף מעֶרעֶר, וִוי דִי עֲבוֹדָה וִוי עֶס אִיז דעֶמאָלט געֶוועֶן בְּחֹמֶר. עַל דֶרֶךְ זֶה אִין לִבּוּן הִלְכְתָא, דאָס וואָס עֶס אִיז געֶוועֶן דעֶמאָלט דִי עֲבוֹדָה בִּלְבֵנִים.

Now, in order to effectively achieve the desired outcome it is insufficient to do this merely in a general way, but one must endeavor and engage in the minutiae of every Halacha to determine its precise alignment with the truth of Torah…

וואָס כְּדֵי אָט דִי אַלֶע עִנְיָנִים אוֹיפְטָאן, אִיז דאָךְ נִיט מַסְפִּיק אַז עֶס זָאל זַיין דעֶר עֲבוֹדָה אִין אַן אֹפֶן כְּלָלִי, נאָר עֶר דאַרְף זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן זִיךְ אוֹיךְ אִין פְּרָטִים, וִוי דעֶרמאָנְט פְרִיעֶר בְּלִבּוּן הִלְכְתָא, אַז עֶר אִיז מְלַבֵּן דִי הֲלָכָה מִיט אַלֶעַ פְּרָטִים וּפְרָטֵי פְּרָטִים, בִּיז עֶס ווערְט לַאֲסוּקֵי שְׁמַעְתְּתָא אַלִיבָּא דְהִלְכְתָא...

(Basi L'Gani 5743)

(באתי לגני – תשמ"ג)

## אַדְמוֹ"ר הָאֶמְצָעִי | MITTELER REBBE

***Context**: This is a continuation of the previous quote. The topic being discussed is how through Torah study in subjects of worldly affairs—even issues which in their worldly manifestation may be absolute evil—we elevate and transform these elements to goodness and holiness. (This is a general thrust in the Basi L'Gani, 5743). The Rebbe adds here, that this approach must not only be in broad treatment of the subjects but in great detail, as is true of one's other areas of Divine service..*

...בִּיז וִוי דאָס אִיז אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם בִּכְלָלוּת, וִוי עֶר אִיז מְבָאֵר אִין שַׁעַר הַיִּחוּד פוּן דעֶם מִיטעֶלְן רֶבִּי'ן, אַז כְּדֵי עֶס זאָל זַיְן דִי עֲבוֹדָה וִוי עֶס דאַרְף צוּ זַיְין, אִיז נִיט מַסְפִּיק אַ הִתְבּוֹנְנוּת אִין אַן אוֹפֶן כְּלָלִי, אוּן עֲבוֹדָה אִין אַן אוֹפֶן כְּלָלִי, נאָר עֶס דאַרְף זַיְין וִויסְן דעֶר "דַּע אֶת אֱלֹקֵי אָבִיךָ" דִי עִנְיָנִים פוּן דִי סְפִירוֹת, אוּן אַלֶע פְּרָטֵי פְּרָטִים אִין דעֶם גאַנְצעֶר סֵדֶר הִשְׁתַּלְשְׁלוּת "שֶׁנִּשְׁתַּלְשְׁלוּ מֵהֶן", דַוְקָא אִין אַן אוֹפֶן פְּרָטִי...ה

...the same is true with regard to one's general service of Hashem. As the Mitteler Rebbe explains in Shaar HaYichud[3], that in order for one's Divine service to be as it ought to be, it is insufficient to meditate (upon Hashem's greatness) in general terms alone. Similarly, when working on one's character it's insufficient to address one's issues in general terms alone. Rather, one must endeavor to "intimately know the G-d of your father", the details of the Sefiros, with all their complexity and nuance, becoming familiar with the details of "Seder Hishtalshelus"—the downward progression of divinity—from which we stem (and thus mirror, albeit in microcosm) with attention to detail and intricacy[4]...

(באתי לגני – תשמ"ג)

(Basi L'Gani 5743)

## אַדְמוֹ"ר הצמח צדק | TZEMACH TZEDEK

***Context:** The Ma'amar is discussing the profundity of Kelipah's denial of G-dliness, that while everything it has comes from Hashem, it simultaneously rejects Him. The epitome of this is Paroh's mental block to G-dliness (even going so far as to claim himself a deity), all the while being the recipient of Brochos from Yaakov, which is what blessed his country so abundantly. This explains why Mitzrayim itself mourned his passing, not just the Jewish family, for they were direct recipients of his blessings.*

...וִוי דעֶר צֶמַח צֶדֶק אִיז מְבָאֵר אִין אוֹר הַתּוֹרָה, אוֹיף דֶער קַשְׁיָא הַיָּדוּעַ וָואס מעֶן זָאגְט אַז "וַיָּבוֹאוּ עַד גֹּרֶן הָאָטָד", אוּן דאָרְט אִיז געֶוועֶן "אֵבֶל כָּבֵד לְמִצְרַיִם",

...As the Tzemach Tzedek explains in Ohr HaTorah, (an answer to) the question posed by the Zohar: Why does the Torah describe Yaakov's funeral as a tragedy ("profound mourn-

3. Chapters 4, 5.

4. The continuation of this paragraph is in the quote from the Rebbe Rashab below.

איז דאָך יָדוּעַ אוֹיף דערוֹיף דִי קַשְׁיָא, וָואס עֶס האָט דאָך גערעדט שְׁטֵייעֶן – ווִי עֶר זאָגט דִי קַשְׁיָא אִין זֹהַר – עֶס אִיז דאָך אֵבֶל כָּבֵד לְיִשְׂרָאֵל, ווִי קוּמְט דאַן אֵבֶל לְמִצְרַיִם.

ing") for Egypt, when in fact it was a tragedy for the Israelite family?!

אִיז מְבָאֵר אוֹיף דערוֹיף דער צֶמַח צֶדֶק, אַז "וַיְבָרֶךְ יַעֲקֹב אֶת פַּרְעֹה" אִיז געווען דִי בְּרָכָה אִין שְׁנֵי אוֹפַנִּים. אַז עֶר האָט מַמְשִׁיךְ געווען אִין אִים דִי נִיצוֹצוֹת קְדוּשָׁה, אָבֶער עֶר האָט דאָס מַמְשִׁיךְ געווען אִין אַזאַ מִין אֹפֶן - ווִי עֶר זאָגט אִין זֹהַר - אַז כָּל זְמַן שֶׁיַּעֲקֹב קַיָּם, אִיז אָט דעמאָלט האָבְּן דִי מִצְרַיִם נִיט געקאָנט זִיךְ מִשְׁתַּעְבֵּד זַיין אוּן מִשְׁתַּלֵּט זַיין עַל יִשְׂרָאֵל. וְאַדְּרַבָּה, אַז דִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זַיינעֶן דאָךְ דאָרְט געווען אִין טוּב הָאָרֶץ תֹּאכֵלוּ, אוּן זֵיי האָבְּן דאָךְ געווען בְּטוּב אֶרֶץ מִצְרַיִם.

The explanation offered by the Tzemach Tzedek is that Yaakov's blessings to Paroh manifested in a twofold manner: (a) It benefitted the Jews by allowing them to elevate his (lost) sparks of G-dliness. Thus, so long as Yaakov was alive the Egyptians had no power over the Jews. On the contrary! The latter enjoyed the choicest land of Egypt. (b) It benefitted Paroh and all of Egypt too.

אִיז אָט דעמאָלט אִיז געווען דִי תּוֹעֶלֶת אוֹיךְ פאַר פַּרְעֹה וּכְלָלוּת אֶרֶץ מִצְרַיִם, ווִי דער צֶמַח צֶדֶק אִיז מְבָאֵר, בְּדוּגְמָא פוּן "לִצְווֹת לָזֶה". עֶס אִיז דאָךְ מְחֻיָּב "כָּל אֶחָד לוֹמַר בִּשְׁבִילוֹ נִבְרָא הָעוֹלָם", אַז דִי גאַנְצֶע עוֹלָם אִיז מער נִיט ווִי "לִצְווֹת לָזֶה", אָבֶער דוּרְךְ דערוֹיף וואָס עֶר אִיז מְצֻוֶּה, עֶר ווערט אַ צַוְתָּא וְחִבּוּר, ווִי דער רַמְבַּ"ם אִיז מְבָאֵר בַּאֲרוּכָּה אִין פֵּירוּשׁ הַמִּשְׁנָיוֹת, אִיז דאָס פּוֹעֶל'ט אוֹיף אַן עִילּוּי אוֹיךְ אִין דעם צֶוֶת.

The Tzemach Tzedek elaborates on this in light of the Talmud's statement (regarding a G-d fearing person, that) "(the entire world was created) to serve as a companion for him". For we know that "every person is obligated to say "the world was created for me alone" i.e. all of existence is here to support my act. (This works both ways, for, not only are the supporting elements serving the higher purpose) but through the elevation of the Jew's being commanded by (i.e. connected) with Hashem, the supporting elements themselves too become elevated, as the Rambam explains in his Pirush HaMishnayos.

אוּן עַל דֶּרֶךְ זֶה אִיז אוֹיךְ געווען אִין עִנְיְנֵי מִצְרַיִם, אַז עֶס אִיז געווען בֵּיידֶע זאַכְן, אַז נִיט נאָר זֵיי האָבְּן זִיךְ נִיט מַעֲלִים וּמַסְתִּיר געווען אוֹיף קְדוּשָׁה, זֵיי האָבְּן זִיךְ נִיט געקענט מִשְׁתַּלֵּט זַיין וּמִשְׁתַּעְבֵּד זַיין בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל, אֲפִילוּ נִיט מַעֲלִים וּמַסְתִּיר זַיין, נאָר אַדְּרַבָּה, דִי בִּרְכַּת יַעֲקֹב אִיז געווען בְּאֹפֶן כָּזֶה, אַז עֶס זאָל נִמְשָׁךְ ווערן דאָרְט נִיצוֹצֵי קְדֻשָּׁה, בִּיז אִין אֹפֶן, אַז עֶס זאָל זַיין אַן אֶרֶץ מְבֹרֶכֶת כָּל עִנְיָנִים גַּשְׁמִיִּים, אוּן אִין וָואס פאַר אַן אוֹפֶן זאָל

Thus, with regard to Egypt too, it worked both ways: (a) not only did they not prevent and hinder G-dliness (while Yaakov was alive), which manifested in them not being able to enslave the Jews, and even being supportive of their lives, furthermore (b) Yaakov's blessing infused the very land of Egypt itself with abundant material blessings, even playing

דָאס זַיין, אַז דָאס זָאל זַיין אַ צֶוֶות לִקְדֻשָּׁה, וואָס דָאס אִיז פּוֹעֵל אַ עִילּוּי אִין פַּרְעֹה וּבְכָל אֶרֶץ מִצְרָיִם...

(באתי לגני תשכ"ג)

a supportive role to G-dliness, which in turn elevated Paroh and all of Egypt itself too...

(Basi L'Gani 5723)

## אַדְמוֹ"ר מהר"ש | REBBE MAHARASH

***Context:** In the Previous Rebbe's Basi L'Gani Maamar (chapter 13) he discusses how although G-dliness extends to the lowest of realms, it is concealed and one can be oblivious to It and even rebel against It. The illustration he brings is one who credits his own efforts as the cause of his financial success all the while, in truth, G-d is blessing him along the entire way.*

וָואס דאָס אִיז - וִוי עֶר אִיז מְבַאֵר מֶער בְּבֵיאוּר דעֶר רַבִּי מַהַר"ש אִין הֶמְשֵׁךְ מַיִם רַבִּים בִּתְחִילָּתוֹ - אַז עֶס אִיז דאָךְ דָא דִי שְׁנֵי עִנְיָנִים, בְּשַׁעַת עֶר וֵוייס אַז בִּרְכַּת הֲוָיָ' הִיא תַעֲשִׁיר, אִיז אָט דעֶמאָלְט אִיז "וּבֵרַכְךָ הֲוָיָ' אֱלֹקֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה".

..As the Rebbe Maharash explains in the beginning of the Hemshech[5] "Mayim Rabim", that these two things are interconnected: When one knows that "it is the blessing of G-d which provides wealth", then "G-d will bless you in all that you do".

אִיז דאָךְ דאָס אִין דעֶרוֹיף אִיז דעֶר דִיוּק וואָס מעֶן זאָגְט "בְּכֹל", אַז אֲפִילוּ אַז וואָס פאַר אַן עַשִׂיָ' עֶס זאָל בַּיי אִים נִיט זַיין, וְוִיבַּאַלְד אָבֶער אַז עֶר וֵוייסט, אַז דאָס נעֶמְט זִיךְ פוּן דעֶם אוֹיבּעֶרְשְׁטְן, אִיז אָט דעֶמאָלְט קאָן זַיין "בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", אַז אִין דעֶרוֹיף זָאל זַיין "וּבֵרַכְךָ הֲוָיָ' אֱלֹקֶיךָ", וואָס "בִּרְכַּת הֲוָיָ'" קאָן דאָךְ אַראָפּקוּמעֶן "הִיא תַעֲשִׁיר".

There is a nuance here in the words "all (that you do)" (which can also be read as "in anything that you"), that even if his act is miniscule (regardless of its quantity or quality), so long as one knows (and truly internalizes) that his earnings stem from Hashem, it is of little significance what his (*hishtadlus*) endeavor constitutes, it can nevertheless be endowed with Hashem's blessing even to the point of actual wealth.

בְּשַׁעַת אָבעֶר עֶר האַט דעֶר "אִוֶּלֶת אָדָם תְּסַלֵּף דַּרְכּוֹ", אַז עֶר גֵייט זִיךְ אִין "רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ", אוּן פאַרְמעֶסְט זִיךְ אוֹיף עִנְיָנִים וואָס האָבְּן צוּ אִים קֵיין שַׁיָיכוּת נִיט, מִצַּד דעֶרוֹיף וואָס עֶר וִויל זִיךְ גְלַייכֶן צוּ אַ צְוֵוייטֶן, אוּן נעֶמְט נִיט אִין בּאַטְראַכט עֶרְכּוֹ וּמַעֲלָתוֹ וּמַעֲמָדוֹ וּמַצָּבוֹ, וואָס דעֶמאָלְט קוּמְט דעֶרְפוּן אַרויס דִי מַחְשָׁבָה אַז "כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל

On the other hand, if one is of the frame of mind in which "A man's folly subverts his way", and he follows the "many thoughts (which) occupy man's heart", involving himself with endeavors to which he has no true relationship, driven by the desire to imitate another's situation,while not taking into honest accounting his own true place—thus leading to the thought-

5. A "Hemshech" is a continuum of Ma'amorim which lasts several weeks, or sometimes months, and occasionally years. The Rebbeim would weave a thematic flow of concepts into an ongoing discourse, usually linking it to the weekly Parsha at the outset, but then picking up where it left off the previous week.

process of "My own power and the might of my own hand have achieved this wealth for me", attributing his success to his own efforts, the result is, as the verse continues, that not only does he lose G-d's blessings going forward, but he loses what he has already gained.

הַזֶּה״, דער עִנְיָן פון הִשְׁתַּדְּלוּת, אַז דאָס הענגט אָפּ אָן זַיינע הִשְׁתַּדְּלוּת, אִיז אָט דעמאָלט - וִוי ער זָאגט דאָרט אִין דעם הֶמְשֵׁךְ – פּוֹעֵל׳ט דאָס, נִיט נאָר אַז ער פאַרלִירט דער ״וּבֵרַכְךָ הוי׳ אֱלֹקֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה״, נאָר בִּיז וואַנעט אַז אויך אִין עִנְיָנִים גַּשְׁמִיִּים, אִיז דאָס נאָךְ חָסֵר פון דערויף וואָס ער האָט געהאַט פְּרִיער.

(The Rebbe Maharash) brings various examples of ways in which he can be affected even to the point of danger. This all begins with the frame of mind that "my own strength and might of my hand…"

וִוי ער בְּרענגט דאָרט מְשָׁלִים בְּהַנוֹגֵעַ צו עִנְיָנִים וואָס דאָס קאָן אִים אָנְרִירְן, בִּיז אִין אַ עִנְיָן שֶׁל סַכָּנָה. וואָס דִי הַתְחָלָה דערְפון, אִיז דאָס וואָס בַּיי אִים הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי הַנָּחָה, אַז כֹּחִי וְעוֹצֶם יָדִי.

(Basi L'Gani 5723)

(באתי לגני – תשכ״ג)

## REBBE RASHAB | אַדְמוּ״ר רַשַׁ״ב

***Context:*** *This is a continuation of the teaching associated with the Mitteler Rebbe earlier. The point being about one's divine service being detail-oriented. This is not only true of one's study and contemplation of Hashem, but also of one's own inner work of character development.*

*We now arrive at the answer to the question posed by the Rebbe (in Basi L'Gani, 5743) as to why there is so much detail in parts of Torah, discussing unwholesome elements of our world? Because by studying them in the context of Torah we transform and elevate them. Just as our Divine service in other areas must be nuanced and detailed, this process too must be the same.*

…Similarly, in one's Divine service with a focus on inner work and character development. As (the Rebbe Rashab explains in) Kuntres HoAvoda, although the foundation and starting point of one's service must be with "Kabolas Ol" (lit. acceptance of the 'Yoke of Heaven', meaning surrender to G-d's will and subservience), it must ultimately infiltrate the nuances of one's life and be applied to specifics (not remain merely as an underlying starting point).

…עַל דֶּרֶךְ זֶה אויךְ אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם, וִוי ער אִיז מְבָאֵר אִין קוּנְטְרֵס הָעֲבוֹדָה, דאַרְף זַיין דִי עֲבוֹדָה, נוֹסָף וואָס דאָס אִיז אִין אַן אוֹפֶן כְּלָלִי, דער עִנְיָן פון רֵאשִׁית הָעֲבוֹדָה, אִיז דער עִנְיָן פון קַבָּלַת עוֹל וואָס דאָס אִיז דער עִיקָר וְשׁוֹרֶשׁ, דאַרְף דאָס דערנאָךְ אַראָפּקוּמען אִין פְּרָטִים וּפְרָטֵי פְּרָטִים.

This explains why Kabbalah delves into tremendous detail regarding subject mat-

וָואס דאָס אִיז אויךְ דער בֵּיאוּר, וואָס מען לערְנט אִין חָכְמַת הַקַּבָּלָה אִין חָכְמַת הָאֱמֶת

ters which are the opposite of holiness[6]. It is precisely through studying these topics as they exist within the context of Torah that we elevate them, and ultimately transform them. Thus the Zohar and Eitz Chaim and elsewhere include these details, so that one can (refrain from evil and) "do good" by transforming these elements into goodness and G-dliness.

(Basi L'Gani, 5743)

דִי פְּרָטֵי פְּרָטִים אִין דעֶם לְעוּמַת זֶה, וואָס דוּרְךְ דעֶר לִימּוּד בְּתוֹרָה, אִיז מעֶן זֵיי מְבָרֵר, בִּיז אִין אַן אוֹפֶן, אַז לְאַחֲרֵי אַז שְׁבִירָתָם זוּהִי תַּקָּנָתָם, ווערְט דוּרְךְ דעֶר לִימּוּד אִין זֹהַר פָּרָשָׁה פְּקוּדֵי, אוּן אִין עֵץ חַיִּים אִין דִי שְׁעָרִים, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה אִין שְׁאָר הַמְּקוֹמוֹת, דעֶר לִיבּוּן הִלְכְתָא, אִין פְּרָטִים וּפְרָטֵי פְּרָטִים, ווערְט דאָס דעֶר עִנְיָן פוּן וַעֲשֵׂה טוֹב אִין עֲבוֹדַת הָאָדָם...

(באתי לגני – תשמ"ג)

---

א סימן ר"ג
ב חולין צא, סוף ע"ב. וראה שמות רבה פרק כג, ז.
ג איוב לח:ז
ד בראשית רבה א:ד.
ה המשך הענין בציטוט מהרבי רש"ב למטה.
ו משלי יט, ג.
ז משלי יט, כא.
ח דברים ח, יז.

6. Earlier in the Ma'amar the Rebbe posed the burning question of why does Kabbalah in the Zohar (especially) on Parshat Pekudei and Eitz Chaim (chapters 48 and 49 which are titled, "the Gateway to Kelipah" and the "Gateway to Kelipas Nogah" respectively) dwell on so much negativity and even evil scenarios?!

DEDICATED IN HONOR
OF THE 70TH BIRTHDAY
OF OUR DEAR FATHER

**RABBI ARYEH SOLOMON**

MAY HE GO FROM STRENGTH TO STRENGTH, WITH MANY MORE HAPPY AND HEALTHY YEARS, ENJOYING ABUNDANT NACHAS FROM HIS CHILDREN AND GRANDCHILDREN

◊ ◊ ◊

DEDICATED BY

**YOSSI & FRAIDA SOLOMON**

PUBLISHED BY: **CHAYENU.ORG**

FOR MORE RESOURCES RELATED TO YUD SHEVAT AND BASI L'GANI, VISIT **BASILGANI.COM**